שנה ג׳
נומער צ״ה
פרשת בראשית
תשפ״ב


# קרית ברסלב בלעטל


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א






צו מנדב זיין פארן בית התבשיל אין קרית ברסלב ליבערטי רופט
845-637 5367


## מוהרא״ש זי״ע באזוכט ביים בית התבשיל אין יבנאל עיר ברסלב




## א ווארט

פונעם ראש ישיבה שליט״א

### אן אייגענעם צייטונג

עס קומט שבת זעצט מען זיך אראפ ליינען, מען קויפט זיך צאם בערג ליין מאטריאל וואס איז זייער שעדליך, בפרט די פרומע אויסגאבעס וואס איז איינגעוויקלט מיט חסידות וכדומה, עס זעט אויס אזוי דערהויבן - דאס איז זייער שעדליך. וויל איך זייער מיר זאלן האבן אן אייגענעם צייטונג וואס זאל זיין מרישא ועד גמירא נאר פון אמונה, נאר פון הייליגן רבי׳ן און פון זיינע הייליגע תלמידים..

עצתו אמונה בראשית תשפ״ב

## זמנים Liberty

פרשת בראשית תשפ״ב
מברכים חודש חשון
מולד: מיטוואך נאכמיטאג 11 מינוט און 12 חלקים נאך 12

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות | 06:21 |
| מוצאי שבת | 07:50 |



# שטעטל נייעס

קרית ברסלב

## הערליכער יום טוב סוכות פאריבער

געלויבט דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען צו פראווענען א הערליכן יום טוב סוכות אין שטעטל.

אנגעהויבן מיט די ערשטע טעג יום טוב, וואס איז פאריבער גאר פרייליך און דערהויבן, די תפלות איז געווען מיט א געשמאק כנוסח היכל הקודש, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט עס אוועק געשטעלט, יעדן שטיקל פון הלל זינגט מען צוזאמען דער גאנצער עולם, ביי נענועים זינגט מען אינטער ווארימע ניגון, און אזוי ווייטער. אזוי אויך איז געווען א געשמאק צו זיצן אין די סוכה, דא אין שטעטל קען מען זיך ברוך השם ערלויבן צו מאכן א שיינע ברייטע סוכה, אזוי אז עס לעבט זיך גאר אנדערש דער יום טוב סוכות, מען קען עסן אין די סוכה, שלאפן אין די סוכה, פארברענגן אין די סוכה, אזוי ווי די הלכה איז.

דאנערשטאג חול המועד סוכות אינדערפרי האט מען געדאווענט שחרית צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט"א, מען האט געהאט די זכיה צו הערן הלל און הושענות פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט יעדן געעפענט דאס הארץ צו תשובה.

פארנאכטס פאר מעריב האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט דעם דף גמרא ביצה כד, וואס די גמרא זאגט דארט "גמרא גמור זומרתה תהא" אז מען זאגט די הייליגע גמרא צושניידט עס אלע קליפות. ביים סוף האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן פונעם עולם מען זאל בעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט רעגענען, כדי מען זאל קענען זיך וואשן צום סעודת הילולא.

נאך מעריב איז פארגעקומען די גרויסארטיגע סעודת הילולא פונעם הייליגן רבי'ן אינעם גרויסן סוכה ביים חצר הבית המדרש, עס זענען געקומען צו פארן אסאך אנשי שלומינו פון אנדערע געגענטער מיטצוהאלטן די גרויסע הילולא.

מען האט זיך געוואשן צום גרויסארטיגן סעודה, ברוך השם אז בשעת די סעודה האט נישט גערעגענט, מען האט געזינגען צוזאמען שיינע ניגונים פון יום טוב סוכות, אינמיטן האט אנגעהויבן שטארק רעגענען, האט מען לכבוד דעם גלייך געבענטשט און ממשיך געווען די הילולא אין בית המדרש מיט ווארימע ניגונים. דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן גאר א שיינעם שיעור אנהייבענדיג מיט דעם וואס מען האט יעצט אזא רעגן, דאס ביי מוהרא"ש איז אויך איינמאל געווען א שטארקע רעגן בשעת מען איז געזיצן אין די סוכה ביומא דהילולא, און מוהרא"ש האט דעמאלטס געזאגט אז חז"ל זאגן אין מסכת תענית - א טאג וואס רעגענט איז דער אייבערשטער מוחל אלע עבירות, במילא איז דאס א פרייליכע טאג - נישט פארקערט, דערנאך האט די ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט וואס די הילולא פונעם רבי'ן האט א שייכות מיט אונז, און וואס מיר דארפן מיטנעמען פון אזא גרויסן טאג, מען דארף זעהן זיך נישט צו לאזן נער'ן, זעה צו זיין אויף א פלאץ וואס מען גיבט דיר זאכן אין די האנט אויף לעובדא ולמעשה, באקומסט א סעט חמשה חמשי תורה, באקומסט א משניות א גמרא, נישט סתם גיין אויף א פלאץ וואס מען זאגט אויף יענעם אז ער איז א צדיק אמת, אבער דיר קען ער גארנישט געבן.

פרייטאג חול המועד ביי שחרית האט מען געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז צוגעגאנגען צום עמוד פאר הלל און פארגעזאגט יעדן שטיקל, און דערנאך געמאכט די נענועים וואס מען מאכט ביי הלל, עס האט געהאט אלע חן.

שבת חול המועד איז פאריבער גאר שיין, מען האט געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען מיט אונז א גאנץ שבת.

פרייטאג צונאכטס ביי בואי בשלום איז מען ארויס אין ריקוד און געטאנצן פאר א לענגערע צייט.

שבת צופרי איז געווען א הערליכע דאווענען, דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט שחרית פארן עמוד און ארויסגעזונגען יעדן שטיקל פון הלל מיט א באזינדערן ווארימע ניגון.

נאך שחרית האט מען געמאכט קידוש אין די סוכה, דער ראש ישיבה שליט"א האט ארום גערעדט פון דעם שטיקל וואס מען זאגט שבת ביי די הושענות, הושענה העלף אונז ווייל וואש מען זיך דריי סעודות שבת, העלף אונז ווייל אונז עסן גוטע זאכן שבת, און אזוי ווייטער, פון דעם זעהן מיר אז מען דארף זיך מחיה זיין מיט יעדן גוטע נקודה וואס מען האט, א מענטש דארף גוט קיקן אויף זיך, אזוי קען ער נאכדעם קיקן גוט אויף א צווייטן.

ביי שלש סעודות האט מען ארום גערעדט פון דעם וואס שטייט אין די תורה אז משה רבינו האט שטענדיג גערעדט צום אייבערשטן, און דער הייליגער רבי מאכט אז מיר פשוטע מענטשן זאלן דאס אויך טוהן.

מוצאי שבת האט מען געגעסן צוזאמען מלוה מלכה אינעם סוכה פון בית המדרש, און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז מען דארף זיך אפלערנען פון די אישפוזין - יוסף הצדיק, וואס שטענדיג האט ער גערעדט צום אייבערשטן - שם שמים שגור בפיו, איינער פרעגט דיר וואס הערט זיך? דארף די ענטפער זיין "ברוך השם - געלויבט דער אייבערשטער", עס גייט מיר זייער גוט.

די צווייטע טעג יום טוב זענען אסאך משפחות אריינגעפארן אין שטאט מיטצוהאלטן דעם יום טוב ביים ראש ישיבה שליט"א, אין שטעטל איז מען זיך צאמגעקומען זיך פרייען מיט די תורה און טאנצן הקפות, עס איז פאריבער זייער לעבעדיג און דערהויבן, ווי עס פאסט זיך פאר היכל הקודש תלמידים וואס שפירן זיך זייער נאנט צו די תורה, נאכדעם וואס אלע פון אונז האבן זוכה געווען צו ענדיגן דעם גאנצן חומש במשך דעם גאנצן יאר.

**שישו ושמחו בשמחת התורה**

היכל הקודש

# נייעס

ארץ ישראל

## הפצה אין ארץ ישראל

אין ארץ ישראל איז די הפצה אויף גאר א שטארקע פארנעם, טויזנטער גליונות ווערן געדריקט וועכנטליך, און זיי ווערן פארשפרייט אין אלע עקן פונעם לאנד.

היינט צוטאגס איז שוין דא אפאר געגנטער וואו מען דריקט די גליונות יעדע וואך, איינס איז אין ירושלים, אזוי אויך איז דא א דריקעריי אין בני ברק, צפת, יבנאל, און בית שמש.

לעצטנס האט מען גאר שיין איבערגעמאכט דעם גליון היכל הקודש אויף אן הערליכן נייעם אויסשטעל און גאר פראפעסיאנאלע גרעפיקס, וואס דאס האט גאר שטארק פארשענערט דעם גליון, און ציעט מער פאר מענטשן עס צו וועלן נעמען. דער גליון ווערט איבערגעטייטשט יעדן איינציגן וואך פון אידיש אויף לשון קודש, און דאס צושפרייט מען איבעראל, וואו דער עולם כאפט עס פון די מפיצים.

אזוי אויך ווערן איבערגעטייטש יעדע וואך פון אידיש אויף לשון קודש די גליון סיפורי מעשיות, דער קונטרס אשר היה אל יואל. פאר ראש השנה און יום כיפור האט מען איבערגעטייטש די דרשות פון תקיעת שופר און דרשת כל נדרי.

אין יבנאל איז דא א חשובער אינגערמאן פון אנשי שלומינו וואס גייט ארום יעדן ערב שבת צו אלע משפחות אנשי שלומינו וואס וואוינען אין יבנאל, און טיילט אויס אלע גליונות וואס קומט ארויס אינערהאלב מוסדות היכל הקודש, בפרט דעם קונטרס עצתו אמונה אין לשון קודש, וואס אויף דעם ווארטן שוין אלע יעדע וואך ווען עס גייט שוין ארויס קומען און מען וועט קענען זעהן אביסל חיזוק און עצות פאר די וואך.

גאר אסאך אידן פון ארץ ישראל זענען צוגעקומען צום ראש ישיבה שליט"א אין אומאן זיך באדאנקען פאר די חיזוק און עצות וואס זיי האבן פון די שיעורים, און פון די בריוון אין עצתו אמונה וואס קומט ארויס יעדע וואך.

במשך די טעג וואס מען האט געוויילט אין אומאן האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעוויזן גאר א שטארקע חביבות פאר די מפיצים פון ארץ ישראל, דער ראש ישיבה שליט"א איז געגאנגען צום שלאף צימער פון די מפיצים און דארט ארויף געקלאפט א מזוזה אויפן טיר און זיך אנגערופן צו איינער פון די מפיצים אין ירושלים: איך ווארט שוין א גאנץ יאר זיך צו טרעפן מיט דיר, איך בין געקומען ספעציעל צו דעם צימער קלאפן א מזוזה ווייל ענק זענען מפיצים. און דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צו איינער פון די אמעריקאנע אידן און זיך אנגערופן: דארפסט איינזינקען פאר בושה פאר דעם אינגערמאן פון ארץ ישראל, זיי האבן געמאכט דארט א מהפכה, זיי זענען מקרב בחורים און דערנאך מאכט מען זיי פאר מפיצים, נישט סתם מען ברענגט בחורים און דערנאך בלייבן זיי זיצן נעבן דעם ראש ישיבה און טוען גארנישט.

אויך הערט מען אז דער ראש ישיבה שליט"א האט ספעציעל אנגערופן ערב ראש השנה אפאר חשובע מפיצים פון ארץ ישראל וואס האבן נישט געקענט קומען אויף אומאן, און זיי ווארעם אנגעוואונטשן א גוט געבענטשט יאר, און זיי געגעבן א ברכה זיי זאלן ווייטער האבן כח ממשיך צו זיין מיט די הייליגע עבודה פון מפיץ זיין דעם הייליגן רבינ'ס עצות אין גאנץ ארץ ישראל אן קיין שטער.

צו נעמען א חלק אין הפצה בארץ ישראל רופט אריין צו 052-7644-664 אדער קען מען געבן דירעקט דורכן דריקן www.matara.pro/nedarimplus/online/?mosad=2812745

אומאן - ארץ ישראל

## ניחום אבלים אין אומאן

זונטאג ווילך ערב ראש השנה איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער געגאנגען מנחם אבל זיין צוויי חשובע בחורים וואס דאווענען אין היכל הקודש ירושלים, וואס זענען געזיצן שבעה דארט אין אומאן צוליב די פטירה פון זייער טאטע עליו השלום.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיי זייער מחזק געווען, און זיך אנגערופן צו זיי: אין ספר ארך אפים אות ה' ברענגט מוהרא"ש זי"ע אז אויבן אין הימל זענען אלע נשמות מקנא א נשמה וואס זיינע קינדער קומען אויף אומאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, במילא דארפט עטץ זיין זייער פרייליך אז ענק זענען דא אין אומאן אויף ראש השנה.

אזוי אויך שרייבט מוהרא"ש דארט די גרויסקייט פון א נשמה וואס זיינע קינדער רעדן צום אייבערשטן, וואס דאס איז א גרויסע טובה פאר די נשמה אויבן אין הימל. אויך זאלט איר צו זאגן משניות יעדן טאג לעילוי נשמת אייער טאטן, וואס דאס וועט ארויף ברענגען אייער טאטן העכער און העכער. פון היינט האט עטץ א נייעם טאטן דער אבי היתומים - ענקער טאטע אין הימל, וואס ער הערט ענק שטענדיג אויס.

**צו איבערגעבן היכל הקודש נייעס פאר די מערכת, ביטע רופן דעם ספעציעלן נומבער און לאזט איבער א מעסעדש**
**347-379-1161**

# "מעשיות פון תפילה"



### מושי עקשטיין:

איין טאג בשעת'ן דרייוון מיין קאר, וואס איז נישט אזוי אלט, האב איך געפילט עפעס מאדנע, איך האב געטראכט אז ס'איז די ברעיקס וואס איז אפשר אויסגענוצט און מען דארף עס טוישן. איך האב מורא געהאט צו פארן ווייטער אזוי, בין איך געגאנגען צום מעכאניקער ער זאל טוישן די ברעיקס, איך האב אים באצאלט און ער האט עס געטוישט. איך פאר אוועק פון דארט, אבער איך האב ווייטער דעם פראבלעם. איך ניץ אסאך מיין קאר און איך בין נישט געווען רואיג צו דרייוון אזוי, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "באשעפער העלף, מיין קאר זאל ווערן מסודר, מ'זאל טרעפן דעם פראבלעם און מען זאל עס קענען שנעל פאררעכטן" איך בין צוריק געפארן צום מעכאניקער, און איך זאג אים אז די קאר מאכט ווייטער פראבלעמן און ער זאל א קוק טאן וואס גייט פאר, ער קוקט אהער, קוקט אהין, און ער זאגט מיר אז עפעס אן אייזן וואס ליגט נעבן די רעדלד איז צעבויגן געווארן און דאס מאכט אז די קאר זאל זיך שאקלען, ברוך השם ער האט עס פאררעכטן, שכח אייבערשטער אז מיין קאר פארט שוין פונקט ווי אמאל געשמאק און באקוועם אן קיין פראבלעמען. שכח אייבערשטער!

### יצחק אהרן וויינבערג:

איך בין אנגעקומען אין עירפארט אויפן וועג קיין אומאן, איך לייג ארויף מיין רענצל אויפ'ן וואג דארט וואו מען גיבט אריין די רענצלעך, און עס שרייבט זיך אויף אז עס וועגט פיל מער ווי זיי לאזן געוועגטליך, און דער מענטש וואס שטייט דארט זאגט מיר "עס וועגט צו סאך דו דארפסט ארויסנעמען זאכן" וואס טוט מען דא? איך האב דאך נישט קיין איבריגע זאכן וואס איך קען ארויסנעמען און איבערלאזן. האב איך שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן אויף פשוט אידיש "באשעפער העלף ער זאל יא דורך לאזן דעם רענצל אפילו עס וועגט מער", נישט מער און נישט וויניגער, ווי נאר איך ענדיג די תפילה, געט ער א לייג ארויף דעם סטיקער אויף מיין רענצל און שיקט עס אריין מיט אלע אנדערע רענצלעך צו ווערן ארויפגעלייגט אויפ'ן פליגער. שכח אייבערשטער!

### שלום יוסף ניישטיין:

שכח אייבערשטער אז די יאר האט מען יא געקענט פארן קיין אומאן! ווען מען איז אנגעקומען אין קיעוו, איז געווען צוגעשטעלט א באס וואס האט גענומען אנשי שלומינו צום בנין היכל הקודש גלייך פון עירפארט, איך בין אויך געגאנגען מיט דעם באס. ווען מען איז אנגעקומען צום בנין האב איך באמערקט אז מיין טלית ותפילין איז געבליבן אויפן באס. איך האב גלייך אנגערופן די באס קאמפאני, און זיי פארציילט אז איך האב עפעס איבערגעלאזט אויפ'ן באס, זאגן זיי אז פאר אסאך געלט קענען זיי עס שיקן צו מיר. איך האב נישט געהאלטן ביים באצאלן אזוי סאך געלט, אבער איך דארף האבן מיין תפילין. האב איך זיך דערמאנט אין די זאך פון תפילה וואס קאסט נישט קיין געלט און געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען מיין תפילין גרינג און שנעל. די נעקסטע טאג איז אנגעקומען נאך א באס מיט אנשי שלומינו צום בנין, איך געב א קוק און איך זע אז עס איז דער זעלבער באס וואס האט מיך געברענגט, איך בעט ווייטער דעם אייבערשטן, און איך גיי ארויף אויפ'ן באס און איך זע מיין תפילין דארט וואו איך האב עס נעכטן געלאזט! שכח אייבערשטער.

### הערשי בוים:

איך האב געוואלט האבן שיינע ד' מינים, געלויבט דעם אייבערשטן אז צוויי חשובע אינגעלייט אין שטעטל האבן צוגעשטעלט צו קויפן א גרויסע אויסוואל פון ד' מינים, איך בין צוגעגאנגען קויפן א אתרוג, אבער פאר דעם האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל גרינג טרעפן א הערליכן אתרוג אן נישט דארפן זיך ארום מיטשען צו טרעפן א כשר'ן שיינעם אתרוג. שכח אייבערשטער אז דער צווייטער אתרוג וואס איך האב אנגעכאפט איז געווען פונקט וואס איך האב געזוכט!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

### נִישְׁט גֵיין אִין גַאס מִיט שְׁטוּבּ קְלֵיידֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ הָאסְט גֶעפְרֶעגְט, דַיין וַוייבּ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ זִי זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען **לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר** נִישְׁט צוּ גֵיין אַ לַאנְגֶע קְלֵייד אִין שְׁטוּבּ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ לַאנְגֶע קְלֵייד אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ גֵיין, אָבֶער דָאס אִיז גֶעמַאכְט צוּ גֵיין אִין שְׁטוּבּ; אַלֶע גֵייעֶן שַׁבָּת מִיט לַאנְגֶע קְלֵיידֶער, אָבֶער דָאס אִיז אַ שְׁטוּבּ קְלֵייד, וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס דַארְף מֶען זַיין פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ צוּעֶן צוּ זִיךְ פְרֶעמְדֶע אוֹיגְן.

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פְלֶעגְט מֶען גֵיין לַאנְג בִּיז מַיין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, יֶעדֶע שַׁבָּת קוּמֶען בָּחוּרִים, גֶעסְט, גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי מֶען גֵייט אִין גַאס.

דֶעריבֶּער זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט גֵיין אִין גַאס מִיט שְׁטוּבּ קְלֵיידֶער. בִּפְרַט דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, זַיי בֶּעט אִיךְ נָאךְ מֶער מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אִין גַאס שֵׁיין רַייךְ אוּן אֵיידְל, נִישְׁט שְׁלֶעפֶּעריש, לַאנְג אוּן קְלֶעבֶּעדִיג. אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן אוֹיפְקֶערְן דִי גַאסְן אִין שְׁטֶעטְל מִיט דִי לַאנְגֶע קְלֶעבֶּעדִיגֶע שְׁלֶעפֶּערִישֶׁע שְׁטוּבּ קְלֵיידֶער.

אִין שְׁטוּבּ, פַאר דִי מַאן - אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין מִיט דֶעם.

**אַ זִיסֶע יָאר.**

### לָאז דַיין וַוייבּ גֵיין ווִי אַזוֹי זִי גֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

לָאז דַיין וַוייבּ גֵיין ווִי אַזוֹי זִי גֵייט, מוּטְשֶׁע אִיר נִישְׁט זִי זָאל זִיךְ טוּישְׁן, **בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין חֵן, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן חֵן אִין אִירֶע אוֹיגְן אוּן זִי זָאל הָאבְּן חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת חֵן, סִימָן ו): **"כְּשֶׁתַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתֶיךָ, תִּמְצָא חֵן"**, אַז מֶען אִיז אַ וַתְּרָן, מֶען גֶעבְּט נָאךְ, מֶען זוּכְט נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן - דָאס בְּרֶענְגְט חֵן; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, וֶוען בֵּיידֶע - סֵיי דֶער מַאן אוּן סֵיי דִי וַוייבּ, בֵּיידֶע גֶעבְּן נָאךְ אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן, דֶעמָאלְט אִיז דָא חֵן אוּן אַז עֶס אִיז דָא חֵן אִיז שׁוֹין אַלֶעס דָא דָארְט.

דַאנְק דַיין וַוייבּ פַאר'ן זִיךְ פִירְן אֵיידְל, אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר הָאבְּן קִינְדֶער צַדִיקִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# חידות

## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט: ווער עס איז מקנא א צווייטן.**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. איז נישט ביי די קדושה
ב. ווערן זיינע ביינער פארפוילט
ג. פארלירט זיין געלט
ד. איז שטענדיג טרויעריג

**ענטפערס פון פאריגע וואך:**

**זאל זיך זייער שטארק פרייען**

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**חי' לעסער תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**לייבי ראטה הי"ו וזוגתו רחל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבי'נס וועג.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**ברוך יאקאבאוויטש הי"ו וזוגתו האדי תחי'**
**צו די אפשערן פון הילד אליעזר שלמה נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.



צו באקומען אייער בילד פון פדיון
נפש ביים ראש ישיבה שליט"א
שיקט אן אימעיל צו
a0547247352@gmail.com

# א מעשה
## פון א צדיק



### מעשה פון הייליגן רבי נתן זי"ע

אִינֶעם שְׁטָאט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן הָאט גְעוואוֹינְט, אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ זוּן, אַ יוּנְג בָּחוּר'ל וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ וִוילְדֶער אוּן צֶעלָאזְטֶער בָּחוּר, מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען פַאר מֶער פוּן אַפָּאר מִינוּט. יֶעדֶער הָאט גֶעלִיטְן פוּן זַיינֶע גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטִיקֶעס, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל נֶעמֶען דִי שְׁכֵנִים'ס קִיעֶן פוּן שְׁטַאל, זֵיי צוּגֶעבִּינְדְן דִי וֵוייְדְלֶעךְ אֵיינְס צוּם צְוֵוייטְן, אוּן וֶוען דִי בְּהֵמוֹת הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, הָאבְּן זִיךְ דִי וֵוייְדְלֶעךְ אָפְּגֶעריסְן, אוּן דִי קִיעֶן זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוָוארְן. דִי שְׁכֵנִים הָאבְּן שָׁאדְן גֶעהַאט אַסַאךְ גֶעלְט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער בָּחוּר כְּסֵדֶר צֶעבְּרָאכְן פֶענְסְטֶערְס פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן חָרוּב גֶעמַאכְט וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט, וואוּ עֶר אִיז נָאר גֶעשְׁטַאנֶען אִיז אַלֶעס גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט.

דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ דֶעם בָּחוּר'ס עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "דַיין בָּחוּר מַאכְט אוּנז אָן גֶעפֶערְלִיכֶע שָׁאדְן! וואוּ אִיז דִי אַחְרַיוּת?!" זֵיי הָאבְּן גֶערוּפְן דִי עֶלְטֶערְן צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט בַּאצָאלְן אַלֶעס וָואס זֵייעֶר בָּחוּר הָאט שָׁאדְן גֶעמַאכְט פַאר זֵיי.

אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט. בִּיז דֶער טַאטֶע פוּנֶעם בָּחוּר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר הָאט גֶעפִילְט וִוי עֶר טְרָאגְט עֶס מֶער נִישְׁט אִיבֶּער. הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ "וָואס טוּט מֶען מִיט אַזַא קִינְד?! וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ נָאך מִיטְמַאכְן? אִיז דָאס דֶען אַ תַּכְלִית יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג הָאבְּן צֶעטוּן מִיט אַן אַנְדֶערֶער שָׁכֵן?!" וָואס טוּט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִין אַ פַאל וֶוען עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן? מֶען גֵייט צוּ אַ גוּטְן אִיד.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן ר' נָתָן אוּן אִים פַארְצֵיילְט וָואס עֶר מַאכְט אַלְץ מִיט זַיין בָּחוּר, יֶעדְן טָאג אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ. ר' נָתָן הָאט אִים וַוארֶעם אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אֵיין עֵצָה פַאר דִיר וִויאַזוֹי דִי קֶענְסְט אָנְהֵייבְּן זֶען נַחַת פוּן דַיין זוּן, מַאךְ אִים חֲתוּנָה וָואס שְׁנֶעלֶער וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן צוּם גוּטְן, עֶר וֶועט זַיין נִישְׁט צוּם דֶערְקֶענֶען". דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען קְלוּג, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס חֲתוּנָה הָאבְּן גֵייט דָא הֶעלְפְן, דָאךְ הָאט עֶר גֶעפָאלְגְט ר' נָתָן'ס עֵצָה, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן מִיטְ'ן זוּן, אוּן נִישְׁט לַאנְג דֶערְנָאךְ אִיז גֶעוֶוען דִי חֲתוּנָה.

אוּן פּוּנְקְט וָואס ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט דָאס אִיז גֶעוֶוען, דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט אוּן בַּארוּאִיגְט, עֶר אִיז גֶעוָוארְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְפִירְן וִוי אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר אִיז מַמָּשׁ גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ. דֶער טַאטֶע הָאט עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען דִי לַאנְג עֶרְוַוארְטֶעטֶע נַחַת, אוּן דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט הָאט אָפְּגֶעאָטֶעמְט.

...

טייערע ליינער! וועלכע מוסר השכל האסטו ארויס גענומען פון די מעשה?

שיקט אריין צו די מערכת אויף 845-379-1161

אדער צו breslevofficeliberty@gmail.com



# דעם רבי'נ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 2

פארזעצונג פון פריער

דער הייליגער רבי האט איבערגעלאזט ר' שמעון אין שטאט מעזבוז צוליב זיין קראנקהייט, און ער איז געפארן קיין קאמיניץ וואס איז נישט ווייט פון מעזבוז.

...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט'ן בַּאגְלֵייטֶער אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, זֵיי זֶענֶען אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַסַאךְ הַייזֶער, אִיבֶּעראַל הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ וֶועג אוּן אַ תֵּירוּץ פַארְוָואס אַרֵיינְצוּגֵיין אִינֶעם הוֹיז, בַּיי עֶטְלִיכֶע הַייזֶער הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי דַארְפְן אַבִּיסְל בְּרוֹינְפְן אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אִין גָאר אַסַאךְ הַייזֶער. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי כַּוָונָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען מִיט דֶעם, אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט דָארְט אוֹיפְטוּן.

נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין מֶעזְבּוּז, דָארְט הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם צוּזָאג וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין מַאמֶע דִי צַדֵיקֶת פֵיגָא אַז עֶר וֶועט גֵיין צוּם קֵבֶר פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע. אוֹיךְ הָאט עֶר דָארְט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ זיין תַּלְמוּד ר' שִׁמְעוֹן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטָאט קַאמִינִיץ. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן פוּן דָארְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעפָארְן אַהֵיים אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערְעַסַאנְט אִיז, אַז פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט אִין שְׁטָאט קַאמִינִיץ, אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן רְשׁוּת פַאר אִידְן צוּ וואוֹינֶען דָארְט אִין שְׁטָאט.

[אִין דִי הִיסְטָארְיֶע בִּיכֶער וֶוערְט גֶעשְׁרִיבְּן, אַז דִי רְשׁוּת פַאר אִידְן צוּ וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט קַאמִינִיץ אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן דוּרְכְן קֵייזֶער פָּאלוּס אִין יָאר 1797 לְמִסְפָּרָם, וָואס דָאס אִיז דָאס יָאר וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט.]

דִי נְסִיעָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין קַאמִינִיץ אִיז גֶעוֶוען גָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס וואס צוּ זָאגְן דֶערוּיף, טֵייל הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט דָארְט אוֹיפְטוּן, אוּן אַנְדֶערֶע הָאבְּן גָאר גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אִיבֶּער וָואס דָארְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אַלֶעמֶען אַוֶועקְגֶעמַאכְט, זָאגְנְדִיג אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זַיינֶע כַּוָונוֹת. אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט גוּט אִיבֶּער דֶעם, הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט צוּגֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס אֱמֶת'ֶע כַּוָונוֹת דֶערְבֵּיי. אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן יָא עֶפֶּעס פַארְשְׁטַאנֶען - וַוייל דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט זֵיי גֶעזָאגְט עֶפֶּעס רְמָזִים, הָאבְּן אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעהַאט זַיין גַאנְצֶע כַּוָונָה מִיט דִי נְסִיעָה.

טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן צוּ טְרֶעפְן דָארְט כְּתָבִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וָואס עֶר הָאט עֶס דָארְט פַארְשְׁלָאסְן אִין אַ שְׁטֵיין, אוּן גֶעוִויסֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶס לִיגְט אִין קַאמִינִיץ. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אָפְּגֶעלַאכְט פוּן דֶעם, עֶר הָאט קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן פַאר דֶעם, וַוייל עֶס פֶעלְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס דִי כְּתָבִים, אוּן אוֹיבּ וָואלְט עֶר דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט הָאבְּן דִי כְּתָבִים וָואלְט מֶען דָאס גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אִים אַהֵיים.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. בַּיים עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּרִיק אִינְדֶערְהֵיים הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"ג, ט') "דָבְקָה נַפְשִׁי אַחֲרֶיךָ". דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן הוֹיכֶע תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אוֹיפְגֶעטוּן אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ וֶוען אִיךְ בִּין נָאר צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן קַאמִינִיץ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַזַא תּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען אִיךְ וֶועל צוּרִיק קוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ זָאגְן נָאךְ פִיל גְרֶעסֶערֶע אוּן הֶעכֶערֶע תּוֹרָה".

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

# בילדער

## אפטיילונג








אפשערן פון הילד אליעזר שלמה בן ר׳ ברוך יאקאבאוויטש הי״ו אייניקל פון המפיץ הגדול הר״ר נתן יאקאבאוויטש שליט״א



ביים סעודת ב׳ חול המועד אושפיזא דמשה אין שטעטל




דער ראש ישיבה שליט״א ביים קיקן אן אתרוג ערב סוכות



ביים פארקויפן ד׳ מינים אין שטעטל



כפרות שלאגן אין חדר היכל הקודש קרית ברסלב